**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/19/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט דאס אנהויב פון אויפבויען נייע האוסיק פאלס וואסער סופליי**

***וואסער אריבערפירונג ליניע וועט געבן נייע פערמענאנטע וואסער קוועלער פאר 4,500 האוסיק פאלס איינוואוינער סערווירט דורך ווילעדזש וואסער סיסטעם***

***ניו יארק סטעיט פאדערט פון Saint-Gobain, Honeywell צו נעמען פאראנטווארטליכקייט צו אויפבויען די וואסער סופליי ליניע און אויפרוימען פון PFOA פארגיפטונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דעם פרילינג וועט זיך אנהויבן די בוי-ארבעט אויף א פערמענאנטע וואסער אריבערפירונג ליניע צו צושטעלן א נייע וואסער קוואל פאר די ווילעדזש פון האוסיק פאלס. די פראיעקט איז טייל פון א 2023 אפמאך צווישן ניו יארק סטעיט און Saint-Gobain און Honeywell צו אריינברענגען די נייע וואסער סופליי און אדרעסירן פערפלוראקטאנויק אסיד פארגיפטונג פון היסטארישע פאבריק אפעראציעס ביי די McCaffrey Street איינריכטונג און אנדערע ערטער אינעם ווילעדזש.

"קיין שום קאמיוניטי זאל נישט דארפן באצווייפלען די זיכערהייט פון די וואסער וואס זיי טרינקען, און מיר ארבעטן ווייטער צו מאכן וויכטיגע אינוועסטירונגען צו באשיצן ניו יארקער און פארזיכערן אז פירמעס נעמען פאראנטווארטליכקייט פאר פאבריק פארגיפטונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס עררייכונג ברענגט אונז נענטער צו היילן די קאמיוניטי אין האוסיק פאלס און צייכנט נאך א טריט אין אונזער ווייטערדיגע פארפליכטונג צו אדרעסירן פארגיפטער."

דאס פראיעקט צו פארזיכערן א פערמענאנטע וואס סופליי פאר די ווילעדזש נעמט אריין צו אויפבויען אומגעפער 6,800 פיס פון רויע וואסער אריבערפירונג ליניע צווישן א נייע אנטוויקלטע ברונעם-פעלד און די ווילעדזש פון האוסיק פאלס וואסער באהאנדלונג פאבריק. בוי-ארבעט אקטיוויטעטן וועלן ווערן אויסגעפירט דורך Honeywell און Saint-Gobain און אונטער די אויפזיכט פון די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( DEC, Department of Environmental Conservation) און העלט (Department of Health, DOH). די וואסער אריבערפירונג ליניע בוי-ארבעט אקטיוויטעטן זענען ערווארטעט זיך אנצוהויבן אין מאי 2024 און אנהאלטן אומגעפער זיבן מאנאטן.

די נייע וואסער סופליי פארטיילונג סיסטעם איז טייל פון די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן PFOA פארגיפטונג פון די Saint-Gobain McCaffrey Street Superfund ארט. DEC ארבעט נאנט אינאיינעם מיט די קאמיוניטי צו אפשאצן וואסער סופליי אויסוואלן און פארזיכערן אז די נייע אונטער-ערדישע וואסער קוואל געפונט זיך אינדרויסן פון די פארגיפטעטע וואסערן און קען אינגאנצן דורכגיין די וואסער באהאנדלונג פאבריק'ס מעגליכקייטן. די גרעניולער אקטיווירטע קארבאן ( granular

activated carbon, GAC) פילטער סיסטעם וואס די סטעיט האט פארלאנגט פון די פאראנטווארטליכע פירמעס צו אינסטאלירן אויף די ווילעדזש'ס וואסער באהאנדלונג סיסטעם צו ארויסנעמען PFOA וועט פארבלייבן אין באנוץ צו ווייטער באשיצן די סיסטעם.

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער בעיסיל סעגאס האט געזאגט,** "פון די ערשטע טעג פון מיין צייט ביי DEC, האבן מיר געארבעט צוזאמען האנט-ביי-האנט מיט די האוסיק פאלס קאמיוניטי צו אדרעסירן די פארגיפטונג, באשיצן פובליק געזונטהייט, און האלטן די פארגיפטער פאראנטווארטליך צו אויפרומען זייער איבערקערעניש. דאס אנהויב פון אויפבויען די נייע טרינקען וואסער קוואל איז א קריטישע ערריייכונג פאר די קאמיוניטי און איז די רעזולטאט פון ברייטע, סייענס-באזירטע באמיאונגען דורך DEC, DOH, און די האוסיק פאלס קאמיוניטי. DEC איז דאנקבאר פאר אונזער פילע מיטארבעטער אין די ארבעט, אריינרעכענענדיג מעיאר ראב אלען, סופערווייזער מארק סורדאם, מיטגלידער פון די בירגערס אנטיילנעמונג ארבעטס גרופע, שולע דיסטריקט באאמטע, רענסעלעיר קאונטי, און נאך אסאך אנדערע. איך אפלאדיר אויך אונטער גרופע פון DEC און DOH עקספערטן וועלכע האבן שווער געארבעט צו פארזיכערן די לעזונג פאר די האוסיק פאלס קאמיוניטי און פירן ווייטער די פאלק אין רעאגירן צו די דראאונג פון נייע פארגיפטער."

**סטעיט העלט קאמישאנער דר. דזשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול און א דאנק די מיטארבעט פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג, די העלט דעפארטמענט, און אונזערע לאקאלע מיטארבעטער, באקומען די מענטשן אין די קאמיוניטי א זיכערע, ריינע און פארלעסליכע וואסער קוואל. די דעפארטמענט וועט ווייטער ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע מיטארבעטער צו נאכגיין און שטעלן פובליק געזונטהייט אלס א פריאריטעט און צו פארזיכערן אז עס איז דא פארזיכערטע טרינקען וואסער פאר די האוסיק פאלס קאמיוניטי פאר נאך אסאך יאר."

**סטעיט רעאקציע צו PFOA פארגיפטונג אין האוסיק פאלס**
אין 2016, האט מען אויפגעכאפט PFOA אין די ווילעדזש פון האוסיק פאלס' פובליק טרינקען וואסער סופליי און טאון פון האוסיק פריוואטע טרינקען וואסער ברונעמס העכער די פעדעראלע ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור (Environmental Protection Agency, EPA) העלט עדווייזערי שטאפל אין יענע צייט פון 70 טיילן פער טריליאן (parts per trillion, ppt). די אנוועזנהייט פון PFOA אין אונטער-ערדישע וואסער ווערט ארויפגעווארפן אויף געוועזענע פאבריקן אין די האוסיק געגנט. PFOA איז טייל פון א גרופע פון כעמיקאלן אנגערופן פער- און פאליפלאוראלקיל סאבסטענסן (per- and polyfluoroalkyl substances, PFAS). אונטער די אויפזיכט פון DEC, האבן די פירמעס אינסטאלירט א GAC באהאנדלונג סיסטעם ביי די ווילעדזש וואסער באהאנדלונג פאבריק צו עלימינירן די קאמיוניטי'ס אויסגעשטעלטקייט צו PFOA פארגיפטונג און אונטערגענומען נאך רעאקציע שריט ווי געשילדערט אונטן.

אין 2021, האט די DEC ארויסגעגעבן די Saint-Gobain - McCaffrey Street רעקארד פון באשלוס (Record of Decision, ROD) צו צושטעלן א פערמענאנטע וואסער קוואל צו אדרעסירן PFAS פארגיפטונג אין די ווילעדזש וואסער סופליי. אלס טייל פון די סטעיט'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן אז איינוואוינער אין די האוסיק פאלס ווילעדזש וואסער סיסטעם זאלן ווייטער האבן צוטריט צו ריינע און פארלעסליכע טרינקען וואסער, ברענגט די DEC'ס ROD אריין געפינסן פון די מוניציפאלע וואסער סופליי שטודיע און פובליק קאמענטארן באקומען אויף די סטעיט'ס פארגעשלאגענע פאררעכטונג שריט פלאן צו אויסוועלן אן אונטער-ערדישע וואסער קוואל אינדרויסן פון די פארגיפטעטע וואסערן, אין צוגאב צו די ווייטערדיגע באנוץ פון די GAC.

אין א $45-מיליאן אפמאך מיט DEC אין 2023, זענען Saint-Gobain און Honeywell געפאדערט צו איינפירן די נייע וואסער סופליי פאר די האוסיק פאלס ווילעדזש וואסער סיסטעם וואס דינט אומגעפער 4,500 מענטשן. די אפגעשאצטע קאסט פאר דעם פאזע פון בוי-ארבעט און איינפירונג איז אומגעפער $5.5 מיליאן. די אפמאך האלט אויך די פירמעס פאראנטווארטליך פאר $30 מיליאן אין פריערדיגע קאסטן געליטן דורך סטעיט שטייער באצאלער, $5 מיליאן אין נאטורליכע ריסאורס שאדן און צוקונפטיגע קאסטן פארבינדן מיט די ארבעט און אנהאלט פון די נייע וואסער ליניע און GAC פילטער.

די GAC באהאנדלונג סיסטעם אינסטאלירט אין 2017 נעמט ארויס PFOA און אנדערע PFAS פון די טרינקען וואסער סופליי. אויך, האט די DEC אינסטאלירט און האלט אויף הונדערטער פון אריינגאנג ערטער באהאנדלונג סיסטעמען פאר אינדיווידועלע הייזער אין די ארומיגע געגנט, אריינרעכענענדיג די טאון פון האוסיק. DEC פאדערט ווייטער פון Honeywell און Saint-Gobain צו אידענטיפיצירן און אדרעסירן די קוועלער פון PFOA פארגיפטונג אין די קאמיוניטי.

**האוסיק פאלס מעיאר ראב אלען האט געזאגט,** "אויפבויען די נייע וואסער אריבערפירונג ליניעס פאר אונזער נייע וואסער סופליי איז א וויכטיגע שריט און געוואלדיגע עררייכונג פאר די ווילעדזש פון האוסיק פאלס. מיר זענען גאר דאנקבאר פאר די ארבעט געטון דורך די דעפארטמענטס פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און העלט און גאווערנער האקול און איר אפיס. עס שטייט אלס א בליציגעביישפיל פון א פאראייניגטע ארבעט, וואס באהעפט אונזער קאמיוניטי מיט לאקאלע און סטעיט רעגירונג, צו אנטוויקלען א נייע וואסער קוואל און צו רעאגירן צו די PFOA פארגיפטונג. יעדער וואס איז א טייל דערפון זאל זיין זייער שטאלץ פון די ארבעט געטון ביז אהער."

**טאון פון האוסיק סופערווייזער מארק סורדאם האט געזאגט,** "זייט די אנטדעקונג פון PFOA פארגיפטונג אין וואסער ברונעמס אין 2016, איז ניו יארק סטעיט געווען א שטענדיגע אנוועזנהייט אין אונזער קאמיוניטי, צו העלפן ענטפערן זארגן פון איינוואוינער און אינעם זעלבן צייט נעמען באלדיגע שריט צו פארזיכערן אז אונזער טרינקען וואסער איז פארזיכערט," "מיר שעצן די שטיצע און פארפליכטונג פון ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג גאווערנער האקול און די דעפארטמענטס פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און העלט, וועלכע האבן עס גערייגט אלס א פריאריטעט צו באשיצן די געזונטהייט פון האוסיק פאמיליעס."

DEC און DOH וועלן ווייטער צושטעלן פאר האוסיק געגנט איינוואוינער די אינפארמאציע און [אפדעיטס איבער ווייטערדיגע פאררעכטונג באמיאונגען](). אין צוגאב, ארבעטן סטעיט אגענטורן ווייטער צוזאמען מיט די [האוסיק געגנט קאמיוניטי אנטיילנעמונג ארבעט גרופע]() צו אדורכרעדן די פארשריט פון די PFOA רייניגונג. [נאך אינפארמאציע און דאקומענטן]() איבער סטעיט אונטערנעמונגען וועלכע האלטן אינמיטן אין די האוסיק פאלס זענען צוגעשטעלט אויף די DEC וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov]()
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov]() | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup]() | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()